STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04129

SEYFER AKEYDES YITSHAK

Abraham L. Harris

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

עקדת יצחק

פון

אברהם אריה בהרב יואל צבי הערים

ניו-יורק

תש"ח

הקדמה

עס זיינען פאַראַן פילע סמנים אין די עקדת יצחק דאָס דורך די סימנים האָבען די חז"ל אַנגעווענדעט דעם נוסח פון יאָהר ראש-השנה און יום-כיפור און דעם נוסח פון אַלע טעג פון יאָהר. מיר געפינען אין די עקדת יצחק דערמאָהנט 18 מאָל אברהם, דאָס באַדייט די שמונה-עשרה ברכות פון אברהם. מיר געפינען דערמאָהנט 5 מאָל דעם נאָמען פון יצחק, אַז אין דעם זכות פון יצחק טהוט גאָט אויפ-האַלטען אונזער קיום אין אַלע צייטען. דריי מאָל אין אונזערע 3 גלות'ן און צוויי מאָל אין אונזער גזר-דין: חבלי עמלק און חבלי של משיח. מיר געפינען דערמאָהנט 8 מאָל אשר, און מיר געפינען דערמאָהנט 8 מאָל אל, דאָס אויב מיר געוועלטיגען ניט אויף אונזערע מחשבות פון תאוות-העולם הבא, דאָס מיר קינדער ישראל זאָלען קומען צו אונזער תשובה שלימה, צו חברים כל ישראל, אַנצואווענדען אונזער קדושה אויפצוהאַלטען אונזערע מצות-מלה דאָס אויף דעם אַכטען טאָג זאָלען מיר מל זיין אונזערע זכרים און צו פאַרוואַנדלען אונזער מחשבה רעה צו אונזער מחשבה טובה. און מיר געפינען דערמאָהנט 13 מאָל ויאמר, דאָס איידער גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, דאַן האָט גאָט ערשט באַשאַפען אונזערע וועגען צו תשובה מיט זיינע שלש-עשרה מידות, דאָס מיר קינדער ישראל זאָלען קומען צו תשובה, דאָס מיר זאָגען סליחות און מיר דערמאָהנען 13 מאָל די שלש-עשרה מידות, דאָס גאָט זאָל אונז מוחל זיין אונזערע זינד מדה כנגד מדה און דאָס מיר זאָלען קומען צו תשובה, דאָס מיר קינדער ישראל זאָלען אַנווענ-דען אונזערע פאַראַנטוואָרטליכקייטען דאָס ווען אונזערע זכרים ווע-רען אַלט 13 יאָהר, דאַן זאָלען זיי ווערען בר-מצוה און אויפהאַלטען די קדושה פון אונזער תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית. און מיר געפינען דערמאָהנט 27 מאָל את און ואת און דאָס מיר קינדער ישראל מוזען אויספיהרען אונזער שליחות מיט אונזערע גאַנצע מחשבות פון תאוות העולם הבא, סיי די מצות פון בין אדם לחבירו און סיי די מצות בין אדם למקום, אַזוי ווי דוד המלך דערצעהלט אונז די אַלע געטליכע וואונדער וואָס גאָט האָט געטאָן צו אונז. און זיין תפילה מיט זיינע 27 מאָל הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו, און אויב מיר פיהרען זיך ניט אויף מיט אונזער גאַנצער מחשבה פון אונזער תאוות העולם הבא, דאַן מוזען מיר זיך מתודה זיין אין אונזער תשובה פון אשמנו און בגדנו 26 מאָל אונזער אלף-בית אויף אונזערע זינד. מיר געפינען 39 מאָל דערמאָהנט דעם חילול השם, דאָס מיר קומען צו אונזער תשובה שלימה, דאָס מיר זיינען חייב עונש מלכות און מיר זיינען מתפלל צו גאָט דורך אונזערע 39 מאָל אבינו מלכנו. און אין מיין צווייטען ספר וואָס איך וועל שרייבען, וועל איך דערמאָ-נען די איבעריגע צעהנדליגער סימנים פון עקדת יצחק.

ויהי

אַז עס איז געקומען אין די צייטן פון נח, ווען אַלע מענטשען האָבען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך זייער יראת שמים און תאוות העולם הבא צו מחלל השם די געטליכע תורת משה מסיני, מיט די שני לוחות הברית מיט די אַלע מצות פון לא תעשה; אַז די גאַנצע וועלט האָט מער קיין זכות ניט געהאַט צו בלייבען שטיין אויף איר פעסטען פונדאַמענט; ווען די אַלע געטליכע באַשעפענישען האָבן זיך מתהתז געווען נישט מיט זייערע מינים. — דאַן האָט גאָט אַנגעווענדעט זיין משפט דין און מדות הדין צו פאַרניכטען די מענטשען און אַלע באַשעפענישען פון זיין וועלט דורך אַ מבול. אָבער נח איז געווען אַ צדיק אין זיין דור. ער איז געגאַנגען אין די געטליכע וועגען אָנצווועגדען בית דין צדק און משפט צדק. און גאָט האָט געזאָגט צו נח'ן, אַז די גאַנצע וועלט האָט נישט מער קיין זכות צו בלייבען שטיין אויף איר פעסטען פונדאַמענט, ווייל די מענטשען האָבען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך זייער יראת שמים און תאוות העולם הבא — האָב איך באַשלאָסען צו פאַרניכטען אַלע מענטשען און אַלע מיני באַשעפענישען דורך אַ מבול. און גאָט האָט צו אים ווייטער געזאָגט: גיי און בוי אויף אַ גרויסען קאַסטען פון פּימפּסען האָלץ אין דריי טיילען און קלעפּ אוים די קאַסטען מיט פּעך אינוויינים און אויסענווייניק; זאָלסט פאַרברייטען אַלע פאַרשידענע שפּייז, נעם אַריין אין קאַסטען צו זיבען פּאָר, מאַן און ווייב פון אַלע מיינע ריינע באַשעפענישען און צו צוויי פּאָר, מאַן און ווייב פון אַלע אומריינע באַשעפענישען, ווייל איך וועל ברייננען אַ מבול אויף דער וועלט, וואָס וועט דויערען פערציג טעג און פערציג נעכט.

אחר

און אַז עס איז געקומען די צייט פון דער ענדע פון מבול, האָט גאָט געזאָגט צו נח: גיי אַרוים פון קאַסטען, דו, דיין פרוי און דיינע

קינדער, און אַלע מיינע באַשעפענישען. און גאָט האָט געבענטשט נח'ן און זיינע קינדער, ווי אויך אַלע זיינע באַשעפענישען, אַז זיי זאָלען זיך מערען אויף דער וועלט.

הדברים האלה

יעצט קאָנען מיר פאַרשטיין, אַז גאָט איז בית דין צדק און משפט צדק. עס זיינען געווען צען דורות פון אדם ביז נח און אין די אַלע צען דורות האָט זיך נישט געפונען קיין צדיק, אַז דורך זיין זכות זאָל די וועלט קענען האָבען אַ קיום.

און נאָכ'ן מבול, האָט גאָט געשוואָרען דאָס עס זאָל נישט מער זיין קיין מבול, און אַז די קינדער פון ישראל זאָלען טראָגען די פאַר־אַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם קיום פון דער וועלט דורך זייער עונש גלות.

ווארום עס זיינען געווען צען דורות פון נח ביז אברהם, און איידער גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, האָט ער ערשט באַשאַפען זיין תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית, און איידער גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, האָט ער אויסגעוויילט אין דעם צדיק אברהם, אַז אברהם און זיינע קינדער זאָלען אויספירען זייערע געטליכע שליחות אויף צו האַלטען די קדושה פון זיין תורה.

דעריבער, אין דעם זכות פון צדיק אברהם, האָט גאָט פאַרוואַנ־דעלט זיין מידת הדין צו מידת הרחמים, אויפצוהאַלטען דעם קיום פון דער וועלט.

דורך דעם זכות פון תורת משה מסיני און דורך דעם זכות פון די קינדער ישראל.

והאלהים נסה את אברהם

און גאָט האָט אויסגעוויילט אין די קינדער ישראל. אַז זיי וועלען קומען צו אַזאַ הויכע מדריגה, צו זיין בית דין צדק און משפט צדק פון בין אדם למקום און אויפצוהאַלטען די קדושה פון זייער תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית, אויפצוהאַלטען די געטליכע

בריתן — ברית תורה, ברית מצות מילה, ברית פון קדושת שבת, אנערקענען, אז די אמונת הבורא איז אמת און צו קומען צו זייער תשובה שלימה. דאן וועט ישראל ראוי זיין צו ווערען דער בית דין של מטה פון אלע אומות העולם.

ויאמר אליו אברהם

ווען אברהם איז געקומען אויף דער וועלט האט אים גאט געזאגט, דאס איך, גאט, האב אין דיר, אברהם. אויסגעוויילט פון אלע אומות העולם צו זיין באהעפט אין מיין תורת משה מסיני, מיט די שני לוחות הברית, ליב צו האבען איינער דעם צווייטען, איינפלאנצען מיין תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית בין אדם לחבירו, און צו קומען צו אייער חברים כל ישראל מדרגה פון כל ישראל צדיקים, — דאן וועלען די קינדער פון ישראל שטיין אונטער מיין השגחה, און קיינער וועט קיין רשות נישט האבען אנצווועדען קעגען אייך קיין מחשבה רעה.

ויאמר הנני

און אויב איר וועט געוועלטיקען אויף אייער מחשבה פון תאוות העולם הזה, דאן האב איך, גאט, איידער איך האב באשאפען די וועלט, באשאפען מיינע שלוש עשרה מידות צו תשובה. ווען דער צדיק טוט תשובה, שטייט ער אין א העכערער מדרגה ווי דער צדיק גמור.

ויאמר

און אז די קינדער פון ישראל וועלען ניט וועלען קומען צו זייער תשובה, וועל איך זיי ברייגגען צו תשובה דורך מיין עונש גלות, מיין עונש עמלק און דורך מיין עונש פון חבלי של משיח.

עקדת יצחק

קח

דו, אברהם, זאָלסט געוועלטיקן אויף דיין מחשבה פון יראת שמים און ניט מחלל השם זיין צו פאַרשוועכן מיינע מצות, חוקים און משפטים פון לא תעשה.

נא

און איר קינדער ישראל, איר זאָלט געוועלטיקען אויף אייער מחשבה פון תאוות העולם הבא, אויף צו האַלטען מיינע מצוות, חוקים און משפטים און אויך צו האַלטען מיינע מצוות עשה, דערפאַר, וועל איך, גאָט, אָנווענדען צו אייך מיין מידת הרחמים, צוצוהערען זיך צו אייערע באַדערפעגישען און איך וועל אייך ענטפערען, נאָך איידער איר וועט דאַרפען צו מיר תפלה טאָן.

את בנך

און דו, אברהם, און די קינדער ישראל, איר זאָלט אויפהאַלטען דעם קיום פון בין אדם לחברו אייער רייכטום, וואָס איהר זאַמעלט פאַר אייערע קינדער צו פאַרוואַנדלען פאַר צדקה און מעשים טובים, אויף בויען בתי תפילות, תלמוד תורות, בתי מדרשים און פאַרשידענע צדקה אנשטאַלטען בדרך כבוד.

את יחידך

און דו, אברהם, דו זאָלסט קומען צו אַ העכערע מדרגה פון קדושה, איינצופלאַנצען אין דיין זון, צו געוועלטיקען אויף זיין מחשבה

עקדת יצחק

פון יראת שמים און זיין מחשבה פון תאוות העולם הבא צו זיין גרייט צו גיין אויף קידוש השם, דורך זיין מסירות נפש לשם שמים, צו ראַטעווען דעם כלל ישראל, ער זאָל קענען אָנווענדען זיין זכות אבות לטובת הכלל.

אשר

און די קינדער ישראל זאָלען געוועלטיקען אויף זייערע מחשבות פון יראת שמים אָפּצונעהמען אַ מוסר פון די אבות הראשונים — אָנצואווענדען זייער אייגענטום, וואָס זיי זאַמלען, אויף צדקה לטובת הכלל אויף צו בויען אַלע פאַרשידענע צדקה אנשטאַלטען בדרך כבוד.

אהבת

און די קינדער ישראל זאָלען געוועלטיקען אויף זייער מחשבה פון תאוות העולם הבא צו זיין בערייט צו גיין אויף קידוש השם דורך זייער מסירות נפש לשם שמים צו ראַטעווען דעם כלל ישראל פון צו ווערען פאַרניכטעט פון די וועלט — און דורך זייערע מעשים טובים צו קומען צו חברים כל ישראל.

את יצחק

דאַן וועט דער גאַנצער כלל ישראל ווערען כולו זכאי און דער דער גאַנצער כלל ישראל וועט קענען געניסען זכות אבות אַלע צייטען.

ולך

און אַז עס וועט קומען די צייט אויסצופירען אייער שליחות צו עונש גלות מצרים, אַז איר קינדער ישראל, אַז איר וועט ערציהען אייער יונגען דור צו תורה און מעשים טובים, צו זיין חברים כל ישראל, איינצופלאַנצען אייער בית דין צדק און משפט צדק צו מצרים,

דאַן וועט אייער עונש גלות מצרים קיין רשות נישט קענען האָבען, צו ווערען קעגען אייך אַנגעווענדעט.

לך

און אַז עס וועט זיך ענדיגען אייער עונש גלות מצרים, דאַן וועט איר ראוי זיין מקבל צו זיין אייער תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית, דאָס אַלע מענטשען וועלען צו אייך קומען זיך אָפּצו-לערנען דורך אייך, די געטליכע תורה.

אל ארץ

און איר קינדער ישראל, איר וועט דאַרפען אָנווענדען אייער תורה, צו הייליקען די הייליקע לאַנד, ארץ ישראל, ווייל ביז יעצט איז ארץ ישראל געווען אומריין פון די מעשים רעים פון די אומות העולם.

המריה

און איר וועט אויף דעם הר המריה אויפבויען אייער בית המקדש, צו זיין א בית תפילה צו אַלע מענטשען אויף דער וועלט.

והעלהו שם

און דו, אברהם, דו זאָלסט אים דאַרטען אויפברייננגען. דאָס ער זאָל זיין א צדיק גמור, צו וועלען גיין אויף קידוש השם לשם שמים, צו זיין דער קרבן עולה, און מצוה גוררת מצוה, ווייל ווען די קינדער ישראל וועלען זיך געפינען אין זייער מדרגה צו קומען אין זייער הייליק לאַנד, ארץ ישראל, דאַן וועלען זיי דאַרפען אויספירען די געט-ליכע שליחות, צו קומען דריי מאָל א יאָר, עולה רגל זיין פון אַלע זייערע וואוינונגען אין ארץ ישראל און דער הייליקער שטאָט ירושלים — פסח, שבועות און סוכות, צו מקריב זיין קרבנות אין הייליקען בית המקדש. פסח זאָלט איר קומען מקריב זיין אייער קרבן פסח, דאָס

איז דער קרבן, וואָס זאָל אייך דערמאָנען אין אייער גלות מצרים און שבועות זאָלט איר מקריב זיין אייער קרבן, צו געדיינקען דאָס שבועות האָט איר מקבל געווען אייער תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית, און סוכות, זאָלט איר קומען עולה רגל זיין, אייך צו דערמאָנען דאָס אייער אמונות הבורא איז אמת. פערציק יאָר האָב איך אייך גע־פירט אין דער מדבר, אין אַ לאַנד פון דורשט, אַ לאַנד פון טריקעניש און פון שלאַנגען; אין אַ לאַנד, וואו מען קען נישט זייען און פלאַנצען, און איך האָב אייך געגעבען מן, אַ הימלישע שפייז, וואָס איז געווען מיט אייך די גאַנצע צייט און מיין קוואַל וואַסער, האָט מיט אייך אימער מיטגערייזט און איך האָב אייך געפירט אויף מיינע צוויי זיילען: דעם עמוד האש און דעם עמוד הענן. אייער יום טוב סוכות זאָל זיין צו אייך צום אייביקען אַנדייקונג צו האָבען אמונות הבורא און השגחת הבורא.

לעולה

אָבער, אַז איר וועט מחלל זיין מיינע מצוות, חוקים און משפטים, און אַרויסטרעטען פון כלל ישראל פון חברים כל ישראל, — דאַן וועט איר מוזען ווערען דער קרבן עולה צו אַלע אומות העולם.

על

אַז איר וועט אַרויסגיין פון כלל ישראל. דאַן וועט איר דאַרפען ליידען אייער עונש גלות.

אחר

און אַז איר וועט אַראָפּוואַרפען פון אייך די השגחות הבורא, און איר וועט דינען עבודה זרה, — דאַן וועט איר דאַרפען ליידען אייער עונש גלות בבל און אייער עונש גלות אדום.

עקדת יצחק

ההרים

און גאָט וועל אָנווענדען צו אייך אייער זכות אבות אויפצו־האַלטען אייער קיום אין אַלע צייטען.

אשר

און אַז איר וועט נישט קומען צו אייער תשובה שלימה, — דאַן וועט איר מוזען ליידען, איר וועט מוזען אָפּדינען אייער עונש גלות אדום, די הונדערט און ניינציג יאָר, וואָס איר האָט נישט געענדיגט דינען אין אייער עונש גלות מצרים.

אמר

און בעת גאולת המשיח, וועט איר מוזען זיין חברים כל ישראל, כולו צדיקים. און אויב איר וועט נישט קומען צו אייער תשובה שלימה, דאַן וועט גאָט אייך ברייגנען צו אייער תשובה שלימה, דורך אייער גרויסען עונש פון חבלי של משיח: אייער אייגענטום און אייערע לעבענס וועלען ווערען הפקר אויף דער גאַנצער וועלט — דעמאָלסט, וועט איר קומען צו אייער תשובה שלימה

אליך

דאָס גאָט וועט אָנווענדען צו אייך זיין ברכה איבער די מענטש־ליכע נאַטור.

וישכם אברהם בבקר

ווען אברהם האָט געהערט די רייד פון גאָט, אַז ער האָט גע־מאַכט די מענטשען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייערע מחשבות, סיי פאַר

דער מחשבה פון בין אדם לחבירו און סיי פאַר דער מחשבה פון בין אדם למקום — האָט אברהם געוואָלט, אַז די קינדער ישראל זאָלען געוועלטיקען אויף זייערעביידע מחשבות: פון יראת שמים און פון זייער מחשבה פון תאוות העולם הבא, אויסצופירען די געטליכע שליחות צו תאוות העולם הבא. דאַן איז אברהם אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, מיט דעם אויפגאַנג פון מאָרגענשטערן און ער האָט אָנגעפאַנגען צו הייליקען זיינע ביידע מחשבות, די מחשבה פון יראת שמים און זיין מחשבה פון תאוות העולם הבא און צו הייליקען גאָטס נאָמען מיט זיין תפילת של שחרית; אַז דער גאַנצער כלל ישראל זאָל געוועלטיקען אויף אייביק, צו בויען בתי תפילות און תלמוד תורות, בתי מדרשים צו הייליקען זייערע מחשבות, אויפשטיין גאַנץ פרי און מתפלל זיין צו גאָט מיט זייערע תפילות של שחרית.

ויחבש את חמורו

און אברהם האָט געלערענט תורה מיט זיין זון יצחק, אַז עס זאָל זיין צו די קינדער ישׂראל צו אייביקייט, צו צווינגען זייער יונגען דור צו לערנען תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית, אויפצו-האַלטען זייער לעהרע פון ערבים זה לזה, צו קומען צו דער מדרגה פון חברים כל ישראל, כולו צדיקים.

ויקח את

אָבער אַז די קינדער ישראל, וועלען מחלל זיין זייערע בתי תפילות, תלמוד תורה און זייערע בתי מדרשים. —

שני נעריו אתו

דאַן וועט גאָט אָנווענדען צו די קינדער ישראל זיינע קללות און זיי משפט'ען זייער עונש גלות, סיי מיט זייער עונש גלות בבל,

אונטער דער הערשאפט פון ישמעאל און זייער עונש גלות אדום, אזוי אז דורך זייער גרויסען עונש וועלען זיי אויפהאלטען זייערע קדושות פון זייערע בתי תפילות און זייערע בתי מדרשים און ברייגגען זייער יונגען דור צו תורה און מעשים טובים.

ואת יצחק בנו

און אז עס זאל קומען צו זיי זייער ענדע עונש גלות, ווען די קינדער ישראל וועלען דארפען קומען צו זייער תשובה שלימה, צו חברים כל ישראל, כולו צדיקים און זיי וועלען נישט וועלען תשובה טאן, וועט גאט זיי ברייגגען צו זייער תשובה שלימה, סיי דורך דעם עונש פון חבלי עמלק און סיי דורך זייער עונש פון חבלי של משיח, דאס זייער אייגענטום, זייערע לעבענם וועט ווערען הפקר אויף דער גאנצער וועלט.

ויבקע עצי עולה

אז די עשרת השבטים וועלען ארויסגיין פון זייערע חברים כל ישראל, סיי דורך זייער חילול השם פון בין אדם למקום און סיי פון בין אדם לחבירו און זיי וועלען נישט קומען צו זייער תשובה שלימה, צו חברים כל ישראל, דאן וועלען זיי מוזען ווערען דער קרבן עולה אין זייער לאנגען גלות.

ויקם

אויב די קינדער ישראל וועלען זיין צדיקים אין דעם זין פון בין אדם לחברו, דאן וועלען זיי ניט דארפען ליידען עונש גלות מצרים.

וילך

און אויב די קינדער ישראל וועלען זיין צדיקים פון בין אדם למקום צו היילקן די געטליכע תורה און מצות, דאן וועלען זיי ניט דארפען ליידען עונש גלות בבל.

עקדת יצחק

אל

און אויב די קינדער ישראל וועלען זיין אַ הייליקע פאָלק, דאַן וועלען זיי ניט דאַרפען ליידען עונש גלות אדום.

המקום

און זייער בית המקדש וועט זיין צו זיי אַ אייביגקייט.

אשר אמר לו אלהים

אָבער אַז די קינדער ישראל וועלען נישט וועלען געוועלטיקען אויף זייער מחשבה פיינט צו האָבען זייער חבר — דאַן וועלען זיי מוזען דינען אין זייער עונש גלות מצרים, און אַז די קינדער ישראל וועלען אַראָפּוואַרפען פון זיך זייער אמונת הבורא און השגחת הבורא — דאַן וועלען זיי ווערען פאַרטריבען פון זייער הייליק לאַנד, ארץ ישראל צו עונש גלות אדום, און גאָט וועט אָנווענדען צו זיי דין צדק און זיין משפט צדק צו ברייננגען זיי צו תשובה דורך זיין משפט פון מידת הדין דורך חבלי של משיח.

ביום השלישי וישא אברהם את עיניו

ווען עס איז געקומען דער דריטער טאָג צו קומען צו דעם הר המריה, — האָט אברהם געזעהן דורך זיין נבואה, אַז דער דריטער בית המקדש קען אַנדערש נישט געבויט ווערען.

וישא אברהם את עיניו

דאָס די קינדער ישראל, זאָלען קומען צו זייער תשובה שלימה, צו חבירים כל ישראל, כולו צדיקים, דאַן וועלען די קינדער ישראל שטיין אונטער דער געטלעכער השגחה, און קיינער וועט קיין רשות

נישט האָבען אָנצוווענדען קעגען זיי קיין מחשבה רעה און זיי וועלען קענען האָבען זייער געטליכע ישועה דורך זייער גאולת המשיח.

וירא את

אָבער אַז די קינדער ישראל וועלען געוועלטיקען אויף זייער מחשבה פון תאוות העולם הזה, צום בית דין שקר און משפט שקר.

המקום

אפילו עס איז שוין געקומען די צייט פון זייער ענדע עינש גלות אדום.

מרחוק

דאַן וועט זייער גאולת המשיח זיך פון זיי ווערען דערווייטערט, ביז, אַז דורך זייער עונש פון חבלי של משיח, וועלען זיי קומען צו זייער תשובה שלימה, צו חברים כל ישראל, כולו צדיקים און ערשט דאַן וועלען זיי ראוי זיין צו זייער גאולת המשיח.

ויאמר אברהם אל נעריו

אברהם האָט געלאָזען אַן אייביגע צוואה צו כל ישראל. אברהם זאָגט: איידער גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, האָט ער באַשאַפען זיין תורת משה מסיני מיט זיינע שני לוחות הברית, אַז דורך די וועגען פון דער תורה, זאָל די וועלט קענען האָבען אַן אייביקען קיום אין גאָט האָט אויסגעוויילט אין די קינדער ישראל, אַז דורך זייער לערנען די תורה און אויספירען אַלע מצוות פון דער תורה — וועלען די קינדער ישראל קומען צו דער מדרגה פון חברים כל ישראל, כולו צדיקים. דאַן וועלען זיי ווערען צו אַלע אומות העולם די בית דין של מטה.

עקדת יצחק

דאָן פרעג איך אַ פראַגע: וואָרום זיינען די קינדער ישראל אונטערטעניק צו די אומות העולם, און זיי זיינען ביי די אומות העולם אין זייער עונש גלות. דאָן דאַרפט איר פאַרשטיין, ווייל די קינדער ישראל שטייען אין זייער מדרגה דורך די געטליכע קללות און איידער גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, דאַן האָט דאָך גאָט אָנגעווענדעט זיינע וועגען צו תשובה דורך זיינע שלש עשרה מידות דעריבער קומט צו אייער תשובה שלימה און די אומות העולם וועלען שטיין אונטער אייער רשות.

שבו לכם

איר קינדער ישראל האַלט אויף אייער טהרת המשפחה. טוט זיך נישט מתחתן זיין מיט די אומות העולם.

פה

און איר קינדער ישראל, איר זאָלט אָנערקענען, אַז אייער אמונת הבורא און השגחת הבורא איז אמת.

עם החמור

ברייננגט די ערציאונג פון אייער יונגען דור צו תורה און מעשים טובים.

ואני והנער

אַז אייער אַלטער דור און אייער יונגער דור זיינען ערבים זה לזה.

נלכה עד

אַז דער אַלטער דור און דער יונגער דור מוזען אויספירען די געטליכע תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית צוצוקומען צו אַזאַ הויכע מדרגה אין קדושה, אַז דורך זייערע מידות טובות וועלען זיי קומען צו אייביקען לעבען, צו תחית המתים.

כה

אָבער אַז די קינדער פון ישראל, וועלען ניט וועלען קומען צו תשובה, דאַן וועט גאָט זיי נישט מער לאָזען זינדיקען צו קומען צו אַ הויכע מדרגה צו חילול השם.

ונשתחוה

גאָט וועט אָנווענדען זיין משפט צו זיי, דאָס די אומות העולם וועלען אָנווענדען קעגען די קינדער ישראל זייער בית דין שקר אין משפט שקר צו ברייגנען זיי צו זייער פאַרניכטונג פון דער וועלט.

ונשובה

דאַן וועט דער כלל ישראל דורך זייער גרויסען עונש זיך בוקען צו גאָט און קומען צו זייער תשובה שלימה צו חברים כל ישראל כולו צדיקים.

אליכם

און גאָט וועט אָננעמען אייער תשובה און גאָט וועט אייך בענטשען מיט זיינע ברכות און שיקען צו אייך אייער גאולת המשיח צו שטיין אונטער דער געטליכער השגחה מיט זיין מידת רחמים.

אברהם האָט געוויזען צו זיין זון יצחק דעם עונש גלות בבל און דעם עונש גלות אדום. דאַן האָט אברהם געזאָגט צו זיין זון יצחק: —

ויקח אברהם את עצי העולה

אַז די קינדער ישראל וועלען אַראָפּוואַרפען פון זיך זייער פאַר־אַנטוואָרטליכקייט אויף צו האַלטען זייער קדושה פון יראת שמים און זייער קדושה פון תאוות העולם הבא צו מחלל השם זיין די תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית מיט די אַלע מצוות פון לא תעשה, אַז דער גאַנצער כלל ישראל וועט קומען צו דער מדרגה פון כולו חייב, צו ווערען פאַרניכטעט פון דער וועלט.

וישם על יצחק בנו

אָבער גאָט וויל ניט ברייגנען צו דער פאַרניכטונג פון די קינ־דער ישראל פון דער וועלט. גאָט האָט געשיקט זיינע נביאי האמת צו שטראָפען די קינדער ישראל און צו ברייגנען זיי צו זייער תשובה שלימה צו חברים כל ישראל כולו צדיקים און גאָט וועט די קינדער ישראל מוחל זיין צו זייערע זינד; די קינדער ישראל זאָלען געוועל־טיקען אויף זייערע מחשבות פון תאוות העולם הבא און אויב אַז די קינדער ישראל וועלען נישט וועלען קומען צו זייער תשובה דורך זייער מחשבה פון תאוות העולם הבא, דאַן וועט גאָט אויפרייצען אויף זיי די אומות העולם אָנצוווענדען קעגען זיי זייער בית דין שקר און משפּט שקר צו ברייגנען זיי צו אַזאַ מדרגה, דאָס זייער אייגענטום און זייערע לעבענס זאָלען ווערען הפקר אויף דער גאַנצער וועלט דורך חבלי עמלק.

ויקח בידו

אָבער די קינדער ישראל האָבען זיך ניט צוגעהערט צו זיינע נביאים. זיי האָבען זיך צוגעהערט צו די נביאי השקר און זיי האָבן

במזיד פאַרגרעסערט זייערע מחשבות פון תאוות העולם הזה. דאַן האָט גאָט פאַרוואַנדעלט זיין משפט צו די קינדער ישראל אָנצוווענדען צו זיי מיט זיין מידת הדין.

את האש

אויפצורייצען אויף זיי די אומות העולם אָוועקצורויבען פון זיי זייער אייגענטום — דאָס, וואָס זיי האָבען, דורך זייער בית דין שקר און משפט שקר, און צו פאַרברענען זייערע שטעט און פאַרברענען זייער בית המקדש און אַרויסטרייבען זיי פון זייער הייליק לאַנד, ארץ ישראל, צו עונש גלות בבל.

ואת המאכלת

און ווען די קינדער ישראל, זיינען שוין אָפּגעקומען זייער עונש גלות בבל און זיינען נאָך אַלץ נישט געקומען צו זייערעביידע מחשבות — פון יראת שמים און תאוות העולם הבא; צו קומען צו חברים כל ישראל כולו צדיקים, און האָבען נאָך אַלץ אָנגעווענדעט שנאת הנם פון בין אדם לחבירו — דאַן האָט גאָט אויפגערייצט די חבלי עמלק געגען די קינדער ישראל, און המן האָט אָנגעווענדעט געגען דעם גאַנצען כלל ישראל זיין בית דין שקר און משפט שקר אָוועקצורויבען פון די קינדער פון ישראל זייער אייגענטום און צו פאַרניכטען דעם גאַנצען כלל ישראל פון דער וועלט. דאָס אַלץ איז געווען, כדי די קינדער ישראל זאָלען קומען צו תשובה, צו חברים כל ישראל כולו צדיקים, און המן הרשע וועט זיין אייער קרבן עולה.

וילכו שניהם יחדו

דאַן האָבען יצחק און אברהם אָנערקענט, אַז גאָט איז בית דין צדק און משפט צדק און אַז די קינדער ישראל וואָלטען געקומען צו זייער תשובה שלימה, צו געוועלטיקען אויף זייערע ביידע מחשבות,

זייער מחשבה פון יראת שמים און תאוות העולם הבא צו קומען צו תשובה צו חברים כל ישראל כולו צדיקים. — דאַן וואָלט קיינער קיין רשות נישט געקענט האָבען אַנצווועגדען קעגען זיי קיין מחשבה רעה.

ויאמר יצחק אל אברהם אביו

דאַן האָט יצחק געפרעגט זיין פאָטער אברהם: — דו האָסט מיט מיר געלערענט, אַז עס איז געקומען די צייט, אַז די קינדער ישראל האָבען געדאַרפט אויספירען זייער שליחות צו עונש גלות מצרים און אַז די קינדער ישראל וואָלטען אויסגעפירט זייער שליחות צו ברייגען זייער יונגען דור צו תורה און מצוות און צו געוועלטיקען אויף זייערע ביידע מחשבות, פון יראת שמים און תאוות העולם הבא און איינפלאַנצען אין זיי די ליבשאַפט פון בין אדם לחבירו; אַז דער גאַנצער כלל ישראל זאָל קומען צו דער מדרגה פון חברים כל ישראל, -- דאַן וואָלט אויף די קינדער ישראל, דער עונש גלות מצרים נישט געקאָנט אַנגעווענדעט ווערען.

ויאמר אבי

און אַז עס איז געקומען די צייט פון זייער עונש גלות בבל און די קינדער ישאל האָבען מחלל השם געווען זייער תורת משה מסיני און זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דער מחשבה פון זייערע עלטערען, — דאַן זיינען די קינדער ישראל פאַרטריבען געוואָרען אין זייער עונש גלות בבל.

ויאמר

און אַז עס וועט קומען אין די שפּעטערע דורות, ווען די קינדער ישראל וועלען דאַרפען אויספירען זייער שליחות אויפצוהאַלטען זייער

קדושה פון תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית, זייער קיום און זייער הייליק לאַנד ארץ ישראל — אויב זיי וועלען דאַן מחלל השם זיין נישט צו קומען צו חברים כל ישראל, און וועלען אַנוועגדען שנאת חנם פון בין אדם לחבירו און שפיכת דמים, — דאן וועט דער גאַנצער כלל ישראל ווערען כולו חייב, דורך זייער לאַנגען עונש גלות אדום.

הנני בני

אַבער גאָט איז דאָך אַ רחום וחנון, און וועט וועלען אויפהאַלטען דעם קיום פון כלל ישראל, וועט ער דעם גאַנצען כלל ישראל פאַר־אייניגען צו חברים כל ישראל און זיי אַנערקענען אַלס זיינע קינדער און גאָט וועט צו די קינדער ישראל שיקען זייער גאולת המשיח.

ויאמר

דאַן וועלען די אומות העולם אַנערקענען די געטליכע ברכה און די קינדער ישראל.

הנה האש והעצים

דאַן וועלען די אומות העולם אנערקענען, דאָס מיר זיינען אַלע איבערצייגט פון די גוטעס צו די קינדער ישראל, אַז די געטליכע תורת משה מסיני, איז די געטליכע תורת אמת צו אַלע מענטשען אויף דער גאַנצער וועלט, און אַז די קינדער ישראל זיינען די געטליכע שליחי אמת צו אַלע מענטשען אויף דער גאַנצער וועלט.

ואיה השה לעולה

דאַן פרעג איך דיר: — פאַטער ווארום האָסטו נישט מיטגענו־מען קרבנות, אז די אומות העולם זאָלען אַנערקענען, דאָס דער קרבן

שה ברייגנט צו שלום פון בין אדם לחבירו און דער קרבן עולה ברייגנט צו שלום פון בין אדם למקום?

ויאמר אברהם

דאַן האָט אים זיין פאָטער געענטפערט. דאָס די קינדער ישראל האָבען מחלל השם געווען די תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית; דאָס דער גאַנצער כלל ישראל איז כולו חייב. דורך די געטליכע קללות, דאָס די גאַנצע וועלט האָט מער קיין קיום נישט צו בלייבען שטיין אויף איר פעסטען פונדאַמענט.

אלהים

דעריבער האָט גאָט אָנגעווענדעט דעם משפט פון זיין מדת הדין צו משפט'ען כל ישראל פאַר זייער חילול השם.

יראה לו

דאָס אַלע מענטשען זאָלען זען אין דעם געטליכען משפט, אז גאָט איז בית דין צדק און משפט צדק, דאָס די קינדער ישראל זיינען ערבים פאַר דער וועלט, אַז דורך זייער משפט זאָל ווערען איינגע־פלאַנצט יראת שמים צו אַלע מענטשען אויף דער גאַנצער וועלט.

השה לעולה

אַז דער גאַנצער כלל ישראל מוז ווערען צו אַלע מענטשען דער קרבן שה און דער קרבן עולה, אַז זייער אייגענטום און זייער לעבען מוז ווערען הפקר אויף דער גאַנצער וועלט, אָדער דורך חבלי עמלק, אָדער חבלי של משיח.

עקדת יצחק

בני

דעריבער האָט גאָט אין דיר, מיין קינד אויסדערוויילט, דאָס דו זאָלסט זיין זייער קרבן און דו מוזט גיין אויף קידוש השם שמים, און דורך דעם זכות, זאָל גאָט ראַטעווען דעם כלל ישראל און זיי ברייגנען צו זייער תשובה שלימה צו חברים כל ישראל.

וילכו שניהם יחדו

דאַן האָבען יצחק און אברהם אַנערקענט, דאָס גאָט איז דין צדק און משפט צדק, און אַז די קינדער ישראל, וואָלטען אויפגעהאַל- טען זייערע ביידע מחשבות: מחשבה פון יראת שמים און זייער מחשבה פון תאוות העולם הבא, דאַן וואָלט קיינער קיין רשות נישט געקענט האָבען אַנצווענדען קעגען זיי קיין מחשבה רעה און אַלעס וואָלט געשטאַנען אונטער זייער רשות.

ויבואו אל המקום

און אברהם און זיין זון יצחק זיינען געקומען צו דעם הר המריה, וואו זיי ביידע האָבען אַנגעווענדעט זייער גאַנצע קדושה צו גיין אויף קידוש השם לשם שמים, איינצופלאַנצען בית דין צדק און משפט צדק, אַז דורך דעם זכות זאָל גאָט אויפהאַלטען זיין קיום מיט דעם גאַנצען כלל ישראל אויף אייביק, און דאָס די גאולה שלימה זאָל קומען צו די קינדער ישראל דורך זיין מידות רחמים.

אשר אמר לו אלהים

אַז גאָט זאָל איינפלאַנצען יראת שמים צו זיין פאָלק ישראל אין דער צייט פון זייער עונש גלות מצרים און דאָס גאָט זאָל איינפלאַנצען

די תאוות העולם הבא צו זיין פאָלק ישראל, אַז די קינדער ישראל זאָלען קומען צו זייער תשובה שלימה פון חברים כל ישראל אין דער צייט פון זייער עונש גלות בבל. און אַז די קינדער ישראל זאָלען איינ־פלאַנצען יראת שמים און תאוות העולם הבא, צו קומען צו תשובה שלימה, זיי זאָלען אנערקענען, אַז אמונת הבורא און השגחת הבורא איז אמת, און זאָלען אַראָפּוואַרפען פון זיך זייער שנאת חנם פון בין אדם לחבירו, שפיכת דמים און זאָלען קומען צו זייער תשובה שלימה צו חברים כל ישראל.

און גאָט זאָל אָנווענדען צו זיי מדת רחמים און ניט אָנווענדען צו זיי זיין משפט פון מידת הדין.

ויבן שם אברהם את המזבח

און ווען אברהם און יצחק זיינען צוגעקומען צו דעם הייליקען אָרט, הר המריה, האָט אברהם אויפגעבויט צוויי אייביקע מאָנומענטען, די דאָזיקע מאָנומענטען זאָלען זיין די אייביקע איבערצייגונגען צו אַלע מענטשען אויף דער גאַנצער וועלט, אַז גאָט איז אמת און זיין תורת משה מסיני, מיט די געטליכע שני לוחות הברית — איז די געטליכע תורה צו אַלע מענטשען אויף דער גאַנצער וועלט און אַז גאָט איז דיין בית צדק און משפט צדק.

און אַז די קנידער ישראל וועלען אַראָפּוואַרפען פון זיך זייערעביידע מחשבות, זייער מחשבה פון יראת שמים און תאוות העולם הבא צו געוועלטיגען אויף זייערע מחשבות, צו תאוות העולם הזה, צו מחלל זיין די געטליכע דריי ברית'ן: ברית תורה, ברית מצות מילה און ברית קדושת שבת — דאַן וועלען די קינדער ישראל אַרויפברייינ־גען אויף זיך דעם עונש גלות.

ויערך את העצים

און ווען אברהם האָט צוזאַמענגעלייגט דאָס האָלץ פון זיין קרבן עולה — האָט ער מתפלל געווען צו גאָט אין זיין בית תפילה, דאָס דורך דעם זכות פון צדיק יצחק, וואָס איז גרייט צו גיין אויף קידוש השם לשם שמים, זאָל גאָט אויפהאַלטען דעם קיום פון זיין פאָלק ישראל, דאָס זיי זאָלען ראוי זיין מקבל צו זיין זייער תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית, דאָס דורך די געטליכע תורת משה מסיני, מיט די שני לוחות הברית, זאָל דער גאַנצער כלל ישראל קומען צו זייער מדרגה פון חברים כל ישראל כולו צדיקים.

ויעקד את יצחק בנו

און ווען אברהם האָט געבונדען זיין זון יצחק צו זיין א עולה גמור — האָט אברהם מתפלל געווען אין זיינע בתי תפלות, דאָס דורך דעם זכות פון צדיק יצחק, וועלכער האָט אליין געהאָלפען זיך בינדען צו קענען זיין אַ עולה גמור, אַז דורך זיין זכות זאָל גאָט אויפהאַלטען דעם קיום פון כלל ישראל און גאָט זאָל צושטערען דעם בית דין שקר און משפט שקר פון עמלק, וואָס המן הרשע האָט אָנגעווענדעט קעגען דעם גאַנצען כלל ישראל, זיי צו פאַרניכטען און דאַן זיי באַרויבען פון זייער אייגענטום, — און המן הרשע זאָל זיין דער קרבן עולה פון די קינדער ישראל, און דאָס דער גאַנצער כלל ישראל זאָל קומען צו זיין תשובה שלימה סיי פון בין אדם לחבירו און סיי פון בין אדם למקום, צו חברים כל ישראל כולו צדיקים.

וישם אותו על המזבח

און ווען אברהם האָט אַרויפגעלייגט זיין זון יצחק אויפ׳ן מזבח, האָט אברהם מתפלל געווען אין זיינע בתי תפלות, אַז דורך

דעם זכות פון זיין זון יצחק וואָס האָט אָראָפּגעוואָרפען פון זיך זיין ווילען, און האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט געשאָכטען צו ווערען פאַר דעם כלל ישראל, — דורך דעם זכות זאָל גאָט אויפהאַלטען זיין קיום מיט זיין פאָלק ישראל אין זייער לאַנגען גלות אדום.

ממעל לעצים

און ווען אברהם האָט אויפגעהויבען זיין זון יצחק און ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט איבער די האָלץ פון זיין קרבן עולה — האָט ער מתפלל געווען אין זיינע בתי תפילות, דאָס דורך דעם זכות פון זיין זון יצחק, וואָס איז שוין בערייט צו זיין דער קרבן עולה לשם שמים, — זאָל גאָט אָנווענדען זיינע שלוש עשרה מידות צו ברייננגען דעם כלל ישראל צו זיין תשובה שלימה צו חברים כל ישראל כולו צדיקים און ברייננגען צו זיי זייער גאולת המשיח, דורך דעם געטליכען מידת רחמים.

וישלח אברהם את ידו ויקח את המאכלת

און ווען אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו נעמען זיין שלאַכט-מעסער — האָט אברהם געלאָזט אַ צואה צו כל ישראל. אברהם האָט געזאָגט, דאָס עס וועט קומען אין די שפּעטערע דורות, און די גאַנצע וועלט וועט קומען צו נאָענטע באַציאונגען פון בין אדם לחבירו, יעדער מענש וועט קענען ריידען מיט זיין חבר פון איין עק וועלט צו דער צווייטער עק וועלט, און מענטשען וועלען זיך קענען באַוועגען און קומען איינער צום צווייטען, און די גאַנצע וועלט וועט אויסזען ווי עס וואָלט געווען איין גרויסע שטאָט.

וישלח אברהם

אַז די קינדער ישראל וועלען געוועלטיגען אויף זייערע ביידע מחשבות, צו פאַראייניקען דעם כלל ישראל פון אַלע עקען וועלט, צו

עקדת יצחק

קומען צו חבירים כל ישראל כולו צדיקים, צו ווערען פאראייניקט און אנשליסען זיך אין איין אגודת ישראל . מען וועט בויען בתי תפלות און בתי מדרשים, צדקה אנשטאלטען און אלץ בדרך כבוד.

את ידו

דאן וועט גאט אויפהאלטען דעם קיום פון כלל ישראל צו שטיין אונטער דער געטליכער השגחה דורך זיין מידת רחמים, און קיינער וועט קיין רשות ניט קענען האבען אנצווועדען קעגען זיי קיין מחשבה רעה און גאט וועט שיקען צו זיין פאלק ישראל זייער גאולת המשיח דורך זיין מידת רחמים.

ויקח את

אבער אז די קינדער ישראל וועלען פארוואנדלען זייער מחשבה צו תאוות העולם הזה און נישט קומען צו זייער תשובה שלימה. —

המאכלת

דאן וועט גאט פארוואנדלען זיין משפט פון מדת רחמים אויף מדת הדין. גאט וועט אויפרייצען די אומות העולם קעגען דעם כלל ישראל צו משפט'ען זיי מיט זיין חבלי של משיח, דאס זייער איי־גענטום און זייערע לעבענס וועט ווערען הפקר אויף דער גאנצער וועלט.

לשחט

דאן האט יצחק געבעטען זיין פאטער. דאס ער איז גרייט צו געשאכטען ווערען און צו זיין דער קרבן עולה לשם שמים.

את בנו

אַז די קינדער ישראל זאָלען ברייננגען צו דער ערציאונג פון זייער יונגען דור, צו געוועלטיקען אויף זייערע ביידע מחשבות, איינ־צופלאַנצען אין זיי, צו גיין אויף קידוש השם לשם שמים און צו האַל־טען די געטליכע דריי בריתן: ברית תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית און אויפצוהאַלטען זייער ברית מצות מילה און ברית קדושת שבת, און דאַדורך צו קומען צו דער מדרגה פון חברים כל ישראל כולו צדיקים. דאַן וועט קיינער קיין רשות נישט קענען האָבען אַנצוווענדען קעגען די קינדער ישראל קיין מחשבה רעה.

ויקרא

און אַז די קינדער ישראל האָבען געשריען צו גאָט, אַז ער זאָל זיי רעטען פון די מצריים, וועלכע האָבן אָנגעווענדעט קעגען די ישראל זייער בית דין שקר און משפט שקר צו פאַרניכטען דעם כלל ישראל פון דער וועלט, דורך שווערע אַרבייט, וואָס איז געווען איבער די מענטשליכע כוחות, ווי אויך דורך זייער בית דין שקר ומשפט שקר. — שפיכות דמים.

אליו

און גאָט האָט צוגעהערט צו זייער געשריי און גאָט האָט זיי געענטפערט: וואַרפט פון אייך אַראָפּ שנאת חנם פון בין אדם לחבירו, און יעדער איד זאָל אָנווענדען זיין ליבשאַפט צו בין אדם לחבירו, אַזוי ווי ער ליבט זיך אַליין.

מלאך ד׳

און גאָט וועט שיקען צו אייך זיין אויסדערוויילטען שליח, דאָס וועט זיין משה בן עמרם, און ער וועט אייך ארויסציען פון אייער עונש גלות מצרים דורך מיין געטליכער מאכט.

מן השמים

און בית דין של מעלה האָט אנערקענט, אַז די קינדער ישראל, זיינען ראוי צו מקבל זיין די תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית.

ויאמר: אברהם, אברהם!

און איר קינדער ישראל, איהר וועט מקבל זיין צווייערליי תורות פון מצות משפטים און דורך אייערעביידע תורות, מוזט איהר קומען צו חברים כל ישראל, סיי פון בין אדם לחבירו און פון בין אדם למקום.

ויאמר

און אויב איהר וועט מחלל זיין אייער תורת משה מסיני מיט די שני לוחות הברית. —

הנני

דאַן זאָלט איר גלייך קומען צו אייער תשובה און זיך מתודה זיין צו גאָט און גאָט וועט אייערע זינד מוחל זיין דורך זיינע שלוש עשרה מדות, וואָס ער האָט באַשאַפען, איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען.

ויאמר

און אויב איהר וועט נישט וועלען קומען צו אייער תשובה, אָדער, אַז איהר וועט ווייטער זינדיגען — דאַן, וועל איך, גאָט, מיט אייך נישט אָפּטאָן מיין ברית, און איך וועל אייך שטראָפען, ביז איהר וועט קומען צו אייער תשובה שלימה.

אל

אויב איהר וועט אַראָפּוואַרפען פון זיך די ליבשאַפט פון בין אדם לחבירו, און איינעם וועט נישט אַרען פאַר דעם צווייטען, — דאַן וועט איהר ליידען אייער עונש גלות מצרים.

תשלח ידך

און ווען איהר וועט זיין אין אייער הייליק לאַנד, ארץ ישראל און איהר וועט ליב האָבען אייער חבר און איהם העלפען בדרך כבוד, און איהר וועט אויסשטרעקען אייער האַנט אויף צו העלפען בויען בתי תפלות, בתי מדרשים און פאַרשידענע צדקה אַנשטאַלטען — דאַן וועט איהר נישט דאַרפען ליידען קיין עונש גלות בבל.

אל הנער

און אַז איר וועט ערציען אייער יונגען דור צו תורה און מעשים טובים; איינפלאַנצען אין אים ליבשאַפט פון בין אדם לחבירו, — דאַן וועט איהר נישט דאַרפען ליידען אייער עונש גלות אדום.

עקדת יצחק

ואל

אויב אָבער איר, קינדער ישראל, וועט קומען צו אַ מדרגה פון כולו חייב; איהר וועט זיין אַזוי שלעכט ווי די מענטשען פון סדום און עמורה, איהר וועט פאַרשליסען אייערע טירען פאַר דעם נויט־באַדערפטיגען; איהר וועט נישט געבען דעם הונגעריגען קיין ברויט און דעם דאָרשטיגען קיין טרונק וואַסער, אויפצוהאַלטען זיין לעבען, איהר וועט נישט העלפען דעם יתום און אלמנה מיט שפייז און קליידער, איהר וועט לאָזען דע ספרעמדען פאַרפרירען פון קעלט און איהם ניט געבען קיין נאַכט איבערצושלאָפען.

תעש לו

און איהר וועט ברייגגען דעם כלל ישראל צו זיין כולו זכאי סיי פון בין אדם לחברו און אויך כולו זכאי פון בין אדם למקום.

מאומה

דאַן וועט קיינער קיין רשות ניט קענען האָבען אַנצואווענדען קעגען אייך קיין מחשבה רעה.

כי

אָבער אַז די קינדער ישראל וועלען נישט וועלען געוועלטיקען איבער זייערע בייזע מחשבות — צו ערציען זייער יונגען דור אין דער צייט פון זייער עונש גלות מצרים — דאַן וועלען די קינדער ישראל ניט קענען האָבען זכות אבות און וועלען זיין ראוי צו זייער עונש גלות מצרים און שפיכת דמים.

עתה

דאָן וועלען די קינדער ישראל, דורך דעם זכות פון אברהם, האָבען זכות אבות און וועלען קענען אויפהאַלטען זייער קיום און זייער עונש גלות מצרים.

ידעתי

און גאָט זאָגט: איך ווייס די מחשבה פון אַלע מענטשען, איך ווייס, אַז די מצריים האָבען געוואָלט פולשטענדיק פאַרניכטען דעם כלל ישראל, דורך דעם, וואָס זיי האָבען געוואָלט אַריינשלעפּען די קינדער ישראל אין די נ״ט פערציג שערי טומאה. ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלטען די קינדער ישראל, נישט מער ראוי געווען צו זייער גאולת מצרים, — דעריבער האָט זיך גאָט צוגעאיילט און זיי אַרויס־גענומען פון זייער עונש גלות מצרים, פריער, פאַר דער באַשטימטער צייט.

כי ירא אלהים

און דאָס, וואָס דו, אברהם, שרעקסט זיך פאַר דעם געטליכען משפּט, פאַר זיין מידת הדין, איז, ווייל ווען דער גאַנצער כלל ישראל וועט זיין כולו חייב, און וועלען שטיין אונטערן רשות פון חבלי עמלק, —

אתה

דאָן וועסטו זיין פאַר דעם כלל ישראל — זייער זכות אבות.

ולא

אָבער אַז די עשרת השבטים וועלען פאַרשליסען זייערע טויערען פון זייערע בתי תפלות און זייערע בתי מדרשים, ווען זיי וועלען

